## פרשת האזינו ז' - י"ג תשרי תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת האזינו***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** אל עבר הבית החיים בעיר ניו דזשערזי, להתפלל ליד ציון אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל**. משם המשיך **רבינו שליט"א** לבית החיים של קהלתנו הק' בניו דזשערזי, להתפלל אצל ציוני **כ"ק מרנן רבני קהלתינו זצוק"ל**.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***יום שני פרשת האזינו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **בנציון בערקאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש מחזה אברהם (פלעטבוש).

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים מענדל דאסקאל** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הכיתה ח' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **אברהם צבי וואזנער** שליט"א) להבחן אצל **רבינו שליט"א** על מסכת מכות שלמדו בשנה זו. אחר הבחינה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה.

***וזה תוכן השיחה:***

**איר** זענט שוין גרויסע בחורים, רוב פון די קלאס זענען שוין בר מצוה. מען איז טאקע נאך אין חדר, אבער נאך די בר מצוה איז מען שוין נישט קיין יונגל, עטץ זענטס שוין בחורים, עטץ זענטס שוין מחוייב אין אלע מצוות אזוי ווי א גדול, א ערוואקסענער מענטש. עס איז נישט קיין חילוק צו מען איז א בחור אין חדר, צו מען איז א בחור אין ישיבה, צו מען איז א יונגערמאן אין כולל, עס איז די זעלבע. אסאך מאל מיינט מען, אז וויבאלד מען איז נאך אין חדר, קען מען זיך אויפפירן אזוי ווי קינדער, מען קען זיך נאך אויפירן אזוי ווי יונגלעך, אבער א בחור דארף וויסן, אז ער איז שוין א בר מצוה בחור. זיין דאוונען דארף זיין אנדערש, זיין לערנען דארף אויסקוקן אנדערש, ער איז יעצט מחוייב מן התורה צו טון יעדע מצוה. פאר די בר מצוה איז עס נאר א דרבנן, אלץ חינוך, אבער נאך די בר מצוה איז מען מחוייב מן התורה. מען טאר נישט אנברענגען קיין צייט, ווען מען האט פרייע צייט, דארף מען זיצן ביי די גמרא און לערנען. אלץ האבן עפעס א שיעור, אויסער די סדר וואס מען לערנט אין חדר, און ווען מען קען, זאל מען ממשיך זיין די שיעור וואס ער לערנט.

**עס** קומען די הייליגע טעג, מען האלט פאר יום הקדוש, מען דארף צו דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, ערליך דאווענען, עס איז א זמן וואס מען בעהט זיך אויס פארן גאנצן יאר. וואס מען פועל'ט יום הקדוש, מיט דעם וועט מען אדורכגיין דעם גאנצן יאר. געזונט, צופרידענהייט, טרעפן חברותות, טרעפן חברים, האבן הצלחה אין לערנען, אלעס ווערט אנגעשריבן יעצט אין יום כיפור. און פארדעם דארף מען מתפלל זיין, און בעטן דעם אייבערשטען. דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס מען בעהט, און וואס מען בעהט ווערט מען געהאלפן. און נישט נאר יום הקדוש דארף מען דאווענען, א בר מצוה בחור דארף דאווענען געהעריג, מען דארף דאווענען הויך, מען דארף ענטפערן אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו, דער קול איז מעורר די כוונה. מען דארף דאווענען הויך, מען דארף דאווענען ערליך, מיט א ערנסטקייט, מען דארף וויסן די חשיבות פאר וועם מען שטייט. און אז מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, העלפט דער אייבערשטער אז מען איז מצליח.

**איך** וויל מעורר זיין אויף נאך א זאך, וואס עס איז נוגע פאר די קינדער וואס קומען צו שלש סעודות. **שלש סעודות איז די העכסטע זמן פון שבת, עס איז א זמן פון רעוא דרעוין. עס איז נישט א זמן וואס מען דארף זיך שפילן אינדרויסן, עס איז נישט א זמן וואס**

**מען דארף דעמאלטס שמועסן מיט די חברים, שלש סעודות איז א שעה אינעם שבת וואס דארף זיין מיט א ערנסטקייט. ווען מען קומט אין בית המדרש צו שלש סעודות, דארף מען שטיין אויף איין פלאץ, זינגען זמירות, און אויסהערן די דברי תורה, און מיט נעמען עפעס פונעם שבת. אז נישט, צוגייט דער שבת אין די הענט, עס בלייבט נישט איבער פונעם שבת. אז מען ענדיגט דעם שבת מיט א ווארימקייט, לאזט עס איבער א השפעה אויף די גאנצע וואך.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאלן נתקבל ווערן א תפלות וואס מען בעהט, לרחמים ולרצון. און עטץ זאלטס אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת. און עטץ זאלטס אלע האבן א גמר חתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

*

בשעות הערב המשיך **רבינו שליט"א** לקבל את קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום שלישי פרשת האזינו – ערב יום כיפור***

אחר אמירת סליחות קיים **רבינו שליט"א** מנהג כפרות. אחר סדר הכפרות הלך לבית השחיטה ובדק את החלף, ואחר השחיטה כיסה הדם בעפר.

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לנכדו הבחור **דוד** ני"ו בן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה.

*

***יום הכיפורים***

כחצי שעה אחר זמן הדלקת הנרות עלה **רבינו שליט"א** לפני הארון הקודש לדרשת כל נדרי, ובקול מעורר ובכי דיבר בגודל קדושת הזמן, אשר ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם, ויורד בו אור עליון, אשר אין לנו יום כזה בכל ימות השנה. יכולים להרויח כל כך ביום אחד, הן בגשמיות והן ברוחניות. כל מה שעובר על האדם במשך השנה, מאורעות שונות של עגמת נפש ומכאובים וזמנים קשים, הכל יכולים לסדר היום, אם האדם שב בכל לבו, ומתפלל ושופך לבו להקב"ה כדבעי. ועוד יותר מזה יוכל להשתכר ברוחניות, כל אחד יודע את נגעי לבבו, ונכנסים ביום זה מלאי עון, ויכולים לצאת נקי לגמרי, לפני ה' תטהרו. אין עוד יום כזה במשך השנה, שיכולים לטהר עצמו כל כך לפני הקב"ה, כמו יום הכיפורים. כל תפלה וכל הרהור תשובה הבא מעמקי לבבו, יש לו חשיבות גדול לפעול ביום הזה.

והמשיך בגודל כח התשובה, שהגם שלפעמים מדת הדין מעכבת שלא לקבל התשובה, מכל מקום הקב"ה בגודל חסדו ידו פרוסה לקבל שבים, והקב"ה בעצמו קושר כתר בראש השבים אליו כמבואר בגמרא (שבת קד.), וגדול מעלת הבעל תשובה שכתרו חשוב כביכול יותר מכתרו של הקב"ה, כי כתר יתנו לך ה' אלקינו 'מלאכים המוני מעלה', אבל הכתר של בעלי תשובה 'אני' קושר לו כתר כמותי. וכל זה יכולין לזכות ביום זה אשר לפני ה' 'תטהרו' בגימטריא 'כתר', לטהר עצמו בטהרה כל כך גדולה, עד שיקשור לו ה' כתר כמותו כביכול. והוא נכנס ליום הכיפורים ככלי מלא בושה וכלימה מרוב עונותיו, ויוצא עם כתר על ראשו.

**רבינו שליט"א** המשיל עבודת היום לאב שהיה לו בנים הרבה, וכשהגיע זמן הנישואין השיא את בניו לכל קצוי ארץ, ונתרחקו משלחן אביהם, על כן קבע האב לבניו ובני בניו יום אחד בשנה, וביקש מהם שכולם יתקבצו אצלו, ויוכל לשמוח עמהם ביחד. והנה במשך השנה היה בין הבנים סוגים שונים, יש שהיה להם קשר עם אביהם בפועל, שבאו לבקרו מזמן לזמן. ויש שלא באו אבל היו כותבים מכתבים ומודיעים משלומם, ויש שנטרדו במקומם עם עסקיהם השונות עד שבכל השנה נשארו בלי קשר כלל עם בית אביהם. והנה כאשר הגיע היום שנקבע להתראות עם אביהם, כולם באו והתקבצו, וההתרגשות היתה גדולה, וחבקו את אביהם באהבה, ודמעות חמות נושרות מעיניהם. והנה אלו הבנים שעמדו בקשר עם אביהם כל השנה, הבכיות כעת הם בכי של שמחה, שזוכין עוד הפעם לראות ולהתראות. אבל אלו שלא היה להם קשר כל השנה, הרי זה גם בכי של חרטה ובושה, היכן היינו כל השנה. וגם הבכי של האב מהול עם כאב על הריחוק של הבן.

כמו כן אנו, אב אחד לכולנו, אנו פזורים בכל ארבע כנפות הארץ, ובמשך השנה נתרחקנו מאבינו, יש ששוכחים הקשר לגמרי, ויש למחצה לשליש ולרביע, והקב"ה קבע יום אחד בשנה שיתקבצו הבנים אליו, הוא יום הכיפורים. כעת מתכנסים רבבי רבבות ישראל בכל

מקום שהם לבית ה׳, כל אחד מתעורר בעומק לבבו שזוכה להפגש עם אביו שבשמים, ודמעות חמות זולגות מעיניו. כולנו מתמלאים ברגש, יש בחרטה על העבר, שמהול בהם בכי של כאב וצער ובושה, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית גבאי. ויש מתרגש ועיניו זולגות מהקירוב הגדולה שאנו זוכין היום. חדות ה׳ היא כעת למעלה ברום המעלות, מרוב התפלות ואמירת שירות ותשבחות והוידוי והחרטה. ואנו מתפללים, ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו, שהנעימות שיש להקב״ה כביכול יהיה מאתנו, ולא רק מעבודת מלאכי מעלה, אלא מעשה ידינו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו.

בסיום הדברים השמיע **רבינו שליט״א** את אמריו בקול בוכים: אנו לוקחים כעת את הספר תורה לפייסה על מה שפגמנו. אבל מצד שני אנו אומרים להתורה, אין לך אומה ולשון שהם מייקרים אותך כמונו. ורבבי רבבות נשחטו ונשפכו דמם רק עבור שאין סרים מדרכי התורה, ואין מתערבים עם האומות. אנו עמלים ולומדים תורה יומם ולילה, ומוסרים נפשינו לחנך את בנינו על דרכי התורה, ואנו לוקחים כעת את התורה שימליץ עלינו, תורה תורה התחנני בבקשה, להיות לנו למליץ ליום הדין.

ויש לכל אחד לקבל עליו לקבוע עתים לתורה, ולהתחבר עם אחת ממסגרות השונות שיש בלימוד הש״ס. וגם בקהלתנו יש חבורת ׳ובהם נהגה׳, ומתחילין מסכת חדשה תיכף אחר יום טוב. – ואלו שזכו להיות יושבי אהל, האברכים בני הכולל, ובחורי הישיבות, לקבל על עצמם עול תורה ביתר שאת, לא לישב בטל לרגע, או להתעסק עם הבלי עולם, אלא כל מוחם יהא שקוע בתורה. ובראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, רק קדושת התורה מקיים אותנו שלא נכשל בפיתוי היצר. – מדברים תמיד מהניסיון של דורינו וכלים הטעכנעלאגיים, שיש בהם הרבה נוחיות ושעשועים, הרי ידוע לכל כי כלים אלו בלי פילטער הם אבי אבות הטומאה, וכל באיה לא ישובון, אך מחפשים היתרים עם פילטער, אבל באמת הכלים הללו מדרדרים את האדם, להיות שקועים בהם, ואין ראשו פנוי להתעמק בתורה. ויש לקבל על עצמו לנתק מהם לגמרי. והגם שקשה עליו, זהו עבודת יהודי לעשות גם דברים קשים לכבוד ה׳. ולפום צערא אגרא, נעשה מקורב ומקושר יותר לקונו. והבא לטהר הקב״ה פותח לו שער מיוחד אצלו שיוכל ליטהר.

אחר הדרשה פתח **רבינו שליט״א** את הארון הקודש, ואמרו כל הקהל הוידוי בכניסת היום, אחר כך הוציא את הספר תורה, והתחיל באמירת פסוקי אור זרוע לצדיק וכו׳, פלגי מים ירדו עיני וכו׳.

עם סיום תפלת ערבית ואמירת שיר היחוד למד **רבינו שליט״א** משניות פרק ג׳ ממסכת יומא. אחר כך נכנס **רבינו שליט״א** לחדרו בבית המדרש, וכבקרת רועה עברו קהל הנוכחים לברכת הקודש אשר על ראשם יצור.

אשרי עין ראתה פרישת כהן ברשם צועק אנא השם, בעבודת היום בתפלת המוספין וסדר העבודה בהשתפכות הנפש, ותפלת נעילה ברשפי אש קודש, הלא למשמע אוזן תאבה נפשנו. אחר תפלת מעריב יצאו כל הקהל לקדש הלבנה בשמחה ובטוב לבב, כשממשיכים עוד בריקודים ׳אשרי העם שככה לו׳ ברוב חדוה והתרגשות.

*

***<u>יום חמישי פרשת האזינו</u>***

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט״א** אצל **כ״ק האדמו״ר מקאשוי שליט״א** ולרפו״ש.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו התעניין על התפלות בימים הנוראים העעל״ט**

**רבינו:** יעצט האט מען מער געדאוונט, ווייל יעצט איז געווען ולעבדו בכל לבבכם. ווען מען זאגט עס ארויס מיט ווערטער, איז עס אמאל נישט אינגאנצן ווי אזוי מען דארף עס צו זאגן. אבער ווען עס איז אין הארץ, איז דאך עס זיכער די שענסטע תפלה.

מען האט יסורים?

**משב״ק האדמו״ר מקאשוי:** יא. די רבי זאגט אז ער האט נישט קיין יסורים.

**רבינו:** אויב מען איז עס מקבל באהבה, האט מען נישט קיין יסורים. עס קומט א נייע יאר, תחל שנה וברכותיה. מיט תפלה קען מען דאך אלעס פועל׳ן.

**משב״ק האדמו״ר מקאשוי:** דער רבי האט געלערנט צוזאמען מיטן סערדאהעלער רב זאל זיין געזונט אין ישיבה. ווען ער איז געקומען באזוכן, האט ער געזאגט, יעצט איז דא איין מצוה, ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

**רבינו:** נישט נאר אין ישיבה האט מען געלערנט צוזאמען, נאר נאכדעם האט מען געלערנט יארן לאנג יעדן ליל שישי, א גאנצע נאכט. איינמאל דא אין שטוב, און איינמאל ביים ברודער אין שטוב.

עס איז דעמאלטס געווען א שיינע ישיבה, עס האבן געלערנט דארט וואוילע בחורים. עס זענען געווען די פאר קינדער, די פליטים, וואס זענען געבליבן פון יוראפ, זיי זענען דעמאלטס געווארן בחורים. מען דערקענט אויף אלע, הכרת פניהם ענתה בהם, אז זיי האבן געהאט א גוטן רבי.

עס קומט יעצט די יום טוב סוכות, דער רב וועט דארפן יעצט משפיע זיין זמן שמחתנו פאר יעדן איינעם. קודם אנהייבן ביי זיך, און נאכדעם פארן ציבור. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל זיין געזונט און שטארק, מיט לאנגע געזונטע יארן, שיתקיימו בנו חכמי ישראל, הם ונשיהם ובניהם וכל אשר להם.

**וכיבדו את רבינו שליט"א ביין**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום. דער אייבערשטער זאל העלפן, צושיקן א רפואה שלימה בקרוב, בתוך שאר חולי ישראל, קענען ווייטער משפיע זיין פאר יודישע קינדער, חדש ימינו כקדם, מיט לאנגע געזונטע יארן אי"ה. - א פרייליכען לוסטיגן יום טוב, עס זאל זיין א אמת'דיגע זמן שמחתנו.

*

בשעות הערב נקבצו ובאו קהל רב תלמידים וחסידים אנשי שלומינו שיחי' לשמוח בשמחתו של **רבינו שליט"א**, שמחת הבר מצוה של נכדו בנש"ק הב' **דוד** נ"י בן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** חדב"ן, בן **הרה"ג רבי שמואל חיים הלברשטאם שליט"א** אב"ד קרשאנוב, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול.

בסעודת הבר מצוה נשאו דברים אבי הבר מצוה **הרה"ג רבי יואל שליט"א**, והסב **הרה"ג אבד"ק קרשאנוב שליט"א**. אחר כך השמיע חתן הבר מצוה פלפול בסוגיא דאין ממעטין הדס ביום טוב (סוכה לב:). אחר הדרשה סיים חתן הבר מצוה את מסכת פסחים (שלמד במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'). אחר אמירת קדיש דרבנן על ידי **רבינו שליט"א** עמדו הקהל בריקודין בתופים ומחולות בשמחה של מצוה, **ורבינו שליט"א** ושאר בעלי השמחה רקדו במחול מיוחד עם חתן הבר מצוה. בסיום הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה. ויה"ר שמשמחה זו יושפע שמחה וחדוה לנו ולכל ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן דעם חשובן ציבור וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די בר מצוה. עס איז נישט א גרינגער זמן, עס איז א זמן וואס מען איז טרוד מיט די מצוות, און מען האט אראפגענומען צייט אטייל צונעמען ביי אונזער שמחה. זאל דער אייבערשטער באצאלן אז עס זאל זיין שמחות ביי ענקערע קינדער, מיט פרייליכע הערצער.

**איך** וויל וואונטשען א מזל טוב פאר מיין חשובן איידעם רבי יואל זאל זיין געזונט. איך דארף אים נישט פארשטעלן פארן ציבור, יעדער קען אים, א תלמיד חכם מופלג, יראתו קודמת לחכמתו. און פאר מיין חשובן מחותן, דער אייבערשטער זאל געבן אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז דער טאג נאך יום הקדוש ווערט אנגערופן גאטס נאמען, מען האט עס גערופן אויפן נאמען פונעם אייבערשטען (**אשל אברהם** או"ח סימן תרכ"ד). און עס איז דא כמה טעמים פארוואס מען האט עס אזוי גערופן. אטייל זאגן, ווייל עס איז דא פיר טעג צווישן יום הקדוש און סוכות, און די פיר טעג זענען מכוון אקעגן די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה. יעצט הייבט זיך אן דער אייבערשטער'ס נאמען, האט מען עס אזוי גערופן. איך האב געטראכט נאך א טעם פארוואס מען האט עס גערופן מיט דעם נאמען.

**עס** שטייט אין פסוק (שמות יז-טז) כי יד על כס י-ה, מלחמה לה' בעמלק מדור דור. און רש"י ברענגט צו, אז אין שמו שלם, ואין כסאו שלם, עד שימחה זרעו של עמלק. דעם אייבערשטערס נאמען איז הוי"ה, היינט איז דעם אייבערשטער'ס נאמען נישט גאנץ, היינט איז נאר כי יד על כס י-ה, עס איז נאר דא די יו"ד ה"א, אבער די וא"ו ה"א פעלט. וואס איז דער ענין, אז י-ה איז דא, און ו-ה פעלט דערפון, און ווען משיח וועט קומען, וועט מען מוחה זיין זרעו של עמלק, און דעמאלטס וועט דער שם הוי"ה זיין שלם.

**עס** שטייט אין **באר מים חיים** (פ' עקב), אז מען זעהט, אז אין אלע עניני גשמיים איז דא דער שם י-ה, אכילה, שתיה, שינה, שיחה, הליכה, ביאה, ישיבה, אלעס האט א יו"ד ה"א אינדערמיט. וואס מען רעדט פון גשמיות, איז אינווייניג דא א יו"ד מיט א ה"א. ווען מען רעדט פון רוחניות, איז דא דערין א ו-ה. תורה, עבודה, קדושה, מצוה, איז דא א וא"ו ה"א דערין. וואס איז דער חילוק, אז מען האט

אפגעטיילט, אז אין די עניני גשמיים איז דא א יו"ד ה"א, און אין די עניני רוחניים איז דא א וא"ו ה"א. ער שרייבט, אז ער האט נישט געזעהן קיינער זאל זיך שטעלן דערויף, כאילו ער איז מעורר די זאך פון זיך אליין, און ער זאגט א טעם על פי דרכו. יעדע זאך איז דא כמה טעמים לתורה, פון יעדע זאך קען מען זיך אראפלערנען א געוויסע מוסר אין עבודת ה'.

**אויסער** דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די רוחניות פון די תורה, די תרי"ג מצוות התורה, געפונט מען אין שלחן ערוך (או"ח סימן רל"א) בכל דרכיך דעהו (משלי ג-ו), יעדע ענין גשמי וואס א יוד טוט, קען ער עס מקדש זיין אז עס זאל ווערן גערעכנט פאר א מצוה פארן אייבערשטען. עס ווענדט זיך אלץ וואס די כוונה דערפון איז. ווען א מענטש טוט א גשמיות'דיגע זאך, און ער איז מכוון אז עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, ווערט עס גערעכנט ווי ער דינט דעמאלטס דעם אייבערשטען. דער שלחן ערוך איז מאריך, אז ווען א מענטש עסט ווייל ער דארף האבן כח ער זאל קענען לעבן, און פארוואס דארף ער דעם כח, כדי ער זאל קענען טון מצוות און מעשים טובים, קומט אויס אז דאס עסן איז א חלק פון זיין עבודת ה'. ער איז מיד, די קאפ ארבעט נישט, ער קען נישט לערנען, ער קען נישט האבן קיין הרחבת הדעת, ער לייגט זיך אראפ שלאפן, זיך אויסרוען כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי ער דינט דעם באשעפער. נמצא עובד את בוראו תמיד, א מענטש קען דינען דעם אייבערשטען שטענדיג. אין וואס ער טוט, ער גייט אריין אין געשעפט, אפילו ער איז דארט שעות לאנג, ער דארף פארדינען געלט ער זאל האבן פרנסה, כדי ער זאל קענען מגדל זיין זיינע קינדער, ער זאל נישט דארפן צוקומען צו גניבה וגזילה. ער זאל האבען פרנסה, כדי ער זאל קענען געבן צדקה, און טון מצות און מעשים טובים, האט ער א גאנצן טאג געדינט דעם אייבערשטען. די רוחניות וואס ער טוט, איז דאך אוודאי דעם אייבערשטענס צרכים, ער טוט דאך די מצוה פארן באשעפער, אבער א מענטש קען אויך מקדש זיין אלע עניני גשמיים פארן אייבערשטענס וועגן.

**דער** חילוק צווישן די צוויי עבודות, צו א יוד דינט דעם אייבערשטען מיט גשמיות, צו ער דינט דעם אייבערשטען מיט רוחניות, איז צוויי סארט עבודות. די כוונות פון די צוויי עבודות זענען מהיפך להיפך. בשעת ער דינט דעם אייבעשטען מיט גשמיות, איז די זאך אליין וואס ער טוט יעצט א גשמי, עס איז נישט דא דערין קיין עבודת ה', ער האט נאר נישט קיין ברירה, די ציל דערפון איז די עתיד. ער עסט, ער שלאפט, ער האנדלט, דאס איז גארנישט, עס איז גשמיות, אבער איך גיי דינען דעם אייבערשטען דערמיט. ווען איך וועל אויפשטיין, ווען איך וועל האבן כח, ווען איך וועל פארדינען געלט, איך וועל האבן פרנסה, וועל איך קענען דינען דעם באשעפער. קומט אויס אז ווען א מענטש איז עוסק אין גשמיות איז די כוונה נישט אויף יעצט, עס איז אויפן עתיד. די יעצטיגע זאך האט נישט קיין שום חשיבות, עס איז נאר אויפן עתיד.

**ביי** רוחניות איז פונקט פארקערט. ווען א יוד טוט א מצוה, דארף ער עס טון בלתי לה' לבדו, אן קיין שום זייטיגע כוונה, אן קיין שום תועלת וואס ער וועט האבן דערפון. ער טוט עס נאר, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל טון די מצוה. אמאל איז דא וואס דער מענטש טוט די מצוה, אלץ א קרדום לחפור בו, עס זאל אים שפעטער ברענגען א פרנסה וואס ער וועט קענען צוקומען דערצו. ער טוט עס וועגן א פניה פון כבוד, אז מענטשן זאלן אים מכבד זיין שפעטער, דאס איז ביי פשוטע מענטשן. א איידעלערע פניה איז, אז ער זאל זוכה זיין צו עולם הבא, ער וויל האבן דעם שכר וואס דער אייבערשטער וועט באצאלן אויף יענע וועלט, די אלע זאכן זענען א שטער צו די מצוה. די חשיבות פון א מצוה איז, ווען ער טוט עס ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען עס טון, שאמר ונעשה רצונו. א רגע שפעטער נאכדעם וואס דו האסט געענדיגט די מצוה, דארפסטו נישט די תועלת דערפון. נישט קיין תועלת עולם הזה, און נישט קיין תועלת עולם הבא, דו האסט עס געטון ווייל מען דארף טון די מצוה.

**קומט** אויס, אז ביי גשמיות, איז די זאך וואס ער טוט יעצט, האט נישט קיין חשיבות, ער טוט עס נאר, ווייל שפעטער וועט ער דינען דעם אייבערשטען. אבער ווען מען איז עוסק אין רוחניות, איז פונקט פארקערט. די כוונה דארף זיין אז עס אינטערעסירט מיך נישט שפעטער, איך טוה עס נאר ווייל מען דארף עס יעצט טון, שאמר ונעשה רצונו.

**דעם** אייבערשטענס נאמען ווערט אנגערופן יו"ד ה"א וא"ו ה"א. וואס דאס ווייזט אז דער אייבערשטער איז הי"ה הו"ה ויהי"ה. מען זעהט אז עס איז דא טיטלען פונעם אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער האט עס ארויפגעלייגט אפילו אויף א מענטש. הקב"ה קראו ליעקב א-ל שטייט אויף יעקב אבינו (מגילה יח.), דער אייבערשטער האט אים גערופן א-ל. עס איז דא איש האלקים (דברים לג-א). אין די טיטלען פונעם אייבערשטען, איז דא א געוויסע נקודה, וואס מען קען עס רופן אויף א בשר ודם אויך. אבער דער שם הוי"ה איז נישט שייך אז א מענטש זאל קענען ווערן אנגערופן מיט דעם נאמען. ווייל שם הוי"ה ווייזט אויף נצחי, היה הוה ויהיה, עס איז נישט דא נאך א זאך אין די בריאה, וואס זאל זיין נצחי. קומט אויס אז דער שם הוי"ה דאס ווייזט אויפן אייבערשטען, וואס ער איז היה הוה ויהיה.

**ווי** אזוי ווייזט דער שם הוי"ה אויף היה הוה ויהיה. דער י-ה ווייזט אויף צוויי חלקים, און דער ו"ה ווייזט אויף איין חלק. אין י-ה איז דא די אותיות הי"ה, מען קען צוזאמשטעלן ה' י' ה'. מען קען אויך צוזאמשטעלן דערפון יהי"ה, י' ה' י' ה'. אבער הו"ה קען מען נישט צוזאמשטעלן דערפון. מיט די ו-ה קען מען נאר צוזאמשטעלן הו"ה. ה' ו' ה' איז הו"ה. דער אייבערשטער איז היה הוה ויהיה, איז צוזאמגענומען די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה.

**קומט** אויס, ווען א יוד דינט דעם אייבערשטען מיט גשמיות, דערמאלטס טוט ער דאך עס נישט וועגן דעם 'הוה' וואס ער טוט יעצט, ווייל די 'הוה' פון יעצט איז דאך גשמיות. איז דאך די כוונה נאר אויף שפעטער. אז די כוונה איז אויף שפעטער, איז אין גשמי נישט דא די אותיות ו-ה, ווייל ו"ה דאס ווייזט דאך אויפן הוה, און ביי גשמיות האט די הוה נישט קיין חשיבות. אין גשמיות איז נאר דא א יו"ד ה"א, יהי"ה, איך טו די דבר גשמי, כדי שפעטער זאל איך קענען דינען דעם אייבערשטען. ווען עס קומט צו עבודת ה' איז פארקערט, ביי עבודת ה', איז די עבודה הו"ה, איך האב יעצט געטון, אן קיין שום זייטיגע כוונות אויף שפעטער, עס אינטערעסירט מיך נישט וואס עס וועט זיין שפעטער, נישט קיין עולם הבא נישט קיין עולם הזה. איך טו עס, ווייל איך דארף דינען דעם אייבערשטען. איז וועגן דעם אלע ענינים פון תורה און מצוה, און עבודה איז דא א ו"ה דערין, וואס ו"ה דאס ווייזט אויף 'הוה'.

**די** קליפה פון עמלק איז דאך ארייננצוברענגען פניות אין עבודת ה'. די עבודה פון י"ה איז היינט אויך דא, א יוד זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מיט עניני גשמיים, ער איז מכוון בשעת ער עסט און ער טרינקט און ער שלאפט און ער ארבעט כדי ער זאל קענען מיט דעם דינען דעם אייבערשטען. עס איז א פשוטע כוונה, וואס יעדער יוד קען עס מקיים זיין, אין דעם איז נישט דא קיין פגם. אבער די עבודה וואס איז פארבינדען מיט ו"ה, עניני רוחניים, אז א מענטש זאל עס טון בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען, נאר פארן הוה, און נישט אינזין האבן קיין שום כוונה דערין, אפילו א רוחניות'דיגע כוונה, זוכה זיין דערצו צו חיי עולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, דאס זאל ער אויך נישט אינזין האבן, דארט איז דא די קליפה פון עמלק, וואס עמלק שטערט עס, אז עס איז נישט בשלימות.

**כי** יד על כס י-ה, ווילאנג עס איז נישט דא די גאולה, איז נאר דא די י-ה, די עבודה פון גשמיות צו דינען פארן אייבערשטן, דאס קען זיין. אבער אז עס זאל זיין די עבודה פון רוחניות, די ו"ה וואס ליגט אין די רוחניות'דיגע עבודה, דאס זאל זיין בלתי לה' לבדו, דאס איז אין שמו שלם, עד שימחה זרעו של עמלק.

**קומט** אויס, אז א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן נאמען פונעם אייבעשטען. ווען עס קומט צו עניני גשמיים, דארף ער זיך באנוצן מיטן יו"ד ה"א, און ווען עס קומט צו עניני רוחניים, דארף ער זיך באנוצן מיטן וא"ו ה"א. בעניני גשמיים דארף זיין יהיה, וואס עס וועט ארויסקומען די תכלית דערפון שפעטער, און ביי עניני רוחניים דארף זיין די ענין פון הוה.

**ווען** עס גייט אדורך יום הקדוש, יודען קערן זיך צוריק צום אייבערשטען, וויל מען דערמאנען וואס מיר האבן מקבל געווען אויף זיך אין דעם יום טוב. מען האט דאך מקבל געווען אויף זיך אז אלע עניני גשמיים וועט מען מקדש זיין פארן אייבערשטען, וואס דאס איז די עבודה פון י-ה. און אלע עניני רוחניים וועלן מיר טון בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען, וואס דאס איז די בחינה פון ו"ה. האט

מען גערופן דעם טאג נאך יום הקדוש, גאט"ס נאמען. מען האט מקבל געווען אז מען וועט טוןביידע עבודות וואס איז דא אינעם אייבערשטענס נאמען, דעם י"ה מיטן ו"ה וועט מען טון פארן אייבערשטען.

**מיין** חשובער אייניקל דוד זאל זיין געזונט גייט אריין יעצט לעול המצות, ער איז מקבל אויף זיך עול תורה. דער מחותן האט שוין פריער ארויסגעברענגט אז א קינד דארף זיך צופאסן לבית אבותיו, די זיידעס פונעם בר מצוה בחור, זענען געווען קדושים וטהורים. וואס מען טוט, דארף זיין פארן אייבערשטענס וועגן, נישט מיט קיין זייטיגע מחשבות. זיך פרייען אז מען קען טון א מצוה פארן באשעפער. נישט ליגען אין גשמיות, די גשמיות דארף זיין מיט א ציל אויף שפעטער, עס זאל זיין דערין די בחינה פון 'יהיה', מען זאל קענען דינען דעם באשעפער דערמיט. ער האט זיך ב"ה זייער שיין אויפגעפירט ביז יעצט, און מען דארף נאר זעהן עס ממשיך צו זיין בעזרת השי"ת.

**ער** האט פריער געמאכט א סיום אויף מסכת פסחים, ער האט מיט געלערנט מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה' ביי אונז אין די קהלה, און גענומען אלע בחינות דערויף די גאנצע יאר. און איך מיין אז ער האט באקומען אויף יעדע בחינה, א הונדערט. איך זאג עס נישט כדי אים צו רימען, איך זאג עס נאר פאר די בחורים וואס זענען דא, אז **מען זאל וויסן, אז יעדער בחור קען מסיים זיין נאך א מסכת אויסער דעם וואס מען לערנט אין די ישיבה**. אויב א יונגעל פאר די בר מצוה קען אויף זיך נעמען אדורכצולערנען א מסכתא מיט בחינות, און קענען, קען עס א בחור, און כל שכן א יונגערמאן, אודאי באוויי‌זען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, ער זאל קענען מקבל זיין אויף זיך עול תורה, פלייסיג לערנען און דינען דעם אייבערשטען. מען טרעט אריין אין אזא דערהויבענע זמן ווי דער יום טוב פון סוכות, וואס איז זמן שמחתנו, זאל דער באשעפער געבן, אז עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, מען זאל זיך קענען באמת משמח זיין מיטן אייבערשטען. וואס די עיקר שמחה איז דאך נישט קיין גשמיות'דיגע שמחה, נאך אזעלכע דערהויבענע טעג פון ראש השנה און יום כיפור, מיינט דאך דער סוכות אריינצוגיין בצילא דמהימנותא, אין צל פונעם אייבערשטען. אזוי ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז מען עסט און מען טרינקט און מען שלאפט אין די סוכה, צו ווייזען אז אלע עניני גשמיים איז מען מקדש פאר דעם אייבערשטענס נאמען. זאל דער באשעפער געבן, אז עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שישי פרשת האזינו</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי משולם כ"ץ שליט"א** שישב שבעה על פטירת אביו **הגה"צ רבי אלי כ"ץ** זצ"ל אב"ד סאטמאר בני ברק.